בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מַיין וַוייבּ טָאר נִישְׁט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, וֶוען אִירֶע שְׁוֶועסְטֶעְרס הָאבְּן יָא?............................................................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל? .....ב

מֶעג מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ נִיגוּן?.............................................ו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי אוּן דַאוְֶוענֶען מִיט מִנְיָן? ...........................................................................ח

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מִקְוֶה? ..................ט

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מַאכְן אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִין סֶעמִינַאר? ...........................................................................י

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן גֵייעֶנְדִיג הֲפָצָה אִין הַייזֶער? ........................................................................ טו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיין יֵצֶר הָרָע? ............... יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דִי פֵּייעֶר פוּן רֶבִּי'ן זָאל נִישְׁט אָפְּבְּרֶיעֶן דִי טַאטֶע מַאמֶע ..........א
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דַיין לֶעבְּן אַבִּיסְל תִּיקוּנִים ..............ג
אַ גוּטֶער מְלַמֵּד בּוֹיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן הָאט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער ..........................................................................ד
אַ גוּטֶער מְלַמֵּד מֶעסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט וְוִיפִיל צֶעטְלֶעךְ עֶר שִׁיקְט אַהֵיים ..........................................................................ה
דִי מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ ...........................................ו
יֶעצְט זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.........ז
דַיין שְׁטַארְק אִין דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן..........................................................................ז
אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט זוּכְן אַנְדֶערֶע גְלִיקְן..........................................................................ט
אַ קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס וָואס עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, קֶען זֵיי גֶעבְּן לֶעבְּן ..........................................................................י
דֶער עִיקָר הַצְלָחָה מִיט תַּלְמִידִים אִיז סַבְלָנוּת .......................יב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיין וַוייבּ טָאר נִישְׁט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, וֶוען אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס הָאבְּן יָא?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאב אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי עֶס רִיכְטִיג אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט לֶעצְטֶע וָואךְ גֶעשְׁרִיבְּן וִויאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֶועגְן דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס.

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי עֶנְטְפֶער, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז עֶס נָאךְ מֶער וַוייל דֶער וָואס פְרֶעגְט עֶס אִיז נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער, נָאר מַיין וַוייבּ; אוּן דִי מִשְׁפָּחָה זֶענֶען נִישְׁט קָאזִינְס, נָאר אִיר מַאמֶע וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּב, אוּן אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס וֶועלְכֶע הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס אוּן קוּקְן מָאוִויס.

מַיין וַוייבּ פִילְט זִיךְ זֵייעֶר אַרוֹיס פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אַז זִי אִיז קֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן אוּן מִיט אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וֶועגְן אַ נֵייעֶ עֶפִּיזָאד וָואס אִיז יֶעצְט אַרוֹיס אִין דִי סֶערְיֶע פוּן ..., אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אַייעֶר זְכוּת אַז אִיר גֵייט מִיט אַייעֶר מַאן; אִיר בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב קַיין טֶעלֶעפָאן, אִיר קוּקְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס - אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער. אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר

שְׁוֶוער וֶוען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע טֶעלֶעפָאוֹנְס, אַלֶע קוּקְן מָאוִויס, אַלֶע הַאלְטְן מִיט דִי סֶערְיֶע פוּן ...; וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם אִינְאֵיינֶעם רֶעדְט מֶען פוּנֶעם נֵייעֶם קַאפִּיטְל אוּן נָאר אִיר זֶענְט אָן קֵיין טֶעלֶעפָאוֹן, אָן קַיין מָאוִויס; אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אִיר זֶענְט נִישְׁט אָפְּדֶעיטֶעד מִיט אַלֶע זַאכְן, אִיר ווִילְט אוֹיךְ הָאבְן אַ מַאשִׁין אוֹיף וָואס מֶען קֶען קוּקְן וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תִּחְיֶ', יֶעצְט קֶען זַיין אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער אָבֶּער עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַבִּיסְל צַייט וֶועט אִיר זֶען וָואס וֶועט פַּאסִירְן; אִיר וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע דוֹר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְן אַ גֶעפִיל אִין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, זֵיי וֶועלְן זַיין רֵיין אוּן לוֹיטֶער; אַנְדֶערְשׁ וֶועט זַיין בַּיי דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, זֵיי הָאבְן טֶעלֶעפָאוֹנְס אוּן קוּקְן מָאוִויס, בַּיי זֵיי וֶועט נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווִי בַּיי דִי קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶרְלִיךְ.

אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאן אִיז אָפְּגֶעהִיטְן, עֶר אִיז אַ רֵיינֶער אִינְגֶערְמַאן; אוֹיבּ וֶועט אִיר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם גֶדֶר, אִיר וֶועט מֵקִיל זַיין, מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן קוּקְן נָאר דָאס אוּן נָאר יֶענְץ - וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען, אִיר וֶועט בְּלַייבְּן עֶלְנְד אַזוֹי ווִי צֶענְדְלִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער קוּמֶען נִישְׁט אַהֵיים, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי מֶער נִישְׁט אַהֵיים צוּ קוּמֶען צוּ דִי ווַייבּ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער; אִיר וֶועט זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט קֶעגְן דִי נִסְיוֹנוֹת, אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט זַיין דֶער וָואס זָאגְט: "אִין אוּנְזֶער שְׁטוּבּ קוּמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין טֶעלֶעפָאן וְכוּ', וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ כְּלְבּוֹ, עֶס אִיז מִיר מְחַיֶּ' אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּם בִּיטֶערְן טְרָאפּ, נָאךְ אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל, אוּן אַצִינְד הָאבּ אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער

זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן.

אַמָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען נָאר שַׁבָּת, אָבֶּער הַיְינְט אִיז עֶס שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואך. אַסַאךְ מָאל קֶען אִיךְ נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן דִי דְרוּק, און אִיךְ כַאפּ אַ לְחַיִּים זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט און אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין צִימֶער, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין צוּ לוֹיפְן אַ אִיד מִיט זַיין זוּן, עֶר בֶּעט מוֹהֲרָא"שׁ זָאל רֶעדְן צוּ זַיין זוּן עֶר זָאל מֶער נִישְׁט טְרִינְקֶען; דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טְרִינְקֶען, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶע'שִׁיכּוֹר'ט בִּיז עֶר אִיז פָּשׁוּט אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל וְכוּ' וְכוּ', דֶער אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ עֶר זָאל רַאטֶעוֶוען זַיין זוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דֶעם בָּחוּר, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן טְרִינְקֶען און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס רֶעדְט פוּן שִׁכְּרוּת (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כו) און זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן יֶעדְן טָאג (לִיקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב, סִימָן כג); וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים הֶעלְפְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאלְסְטוּ טוּן, לֶערְן דִי תּוֹרָה וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן טְרִינְקֶען און זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוֹיף דֶעם; וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי צָרָה.

לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כו:

צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשִּׁכְרוּת, וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת, כִּי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְפִי הַצֹּרֶךְ הוּא טוֹבָה לְהַרְחִיב דַּעְתּוֹ, וְדַע, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים, וּכְשֶׁשּׁוֹתֶה בְּמִדָּה כָּרָאוּי לְפִי עֶרְכּוֹ, אֲזַי נִתְרַחֵב דַּעְתּוֹ וְנִתְרוֹמֵם מֹחוֹ, וַאֲזַי נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים בְּיוֹתֵר עַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה כִּי כְּשֶׁנִּתְרוֹמֵם הַדַּעַת, נִתְרוֹמְמִין וְנִגְדָּלִין הַחֲסָדִים, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל (עֵרוּבִין סה): "כָּל הַמִּתְפַּתֶּה בְּיֵינוֹ, יֵשׁ בּוֹ מִדַּעַת קוֹנוֹ" 'מִתְפַּתֶּה' דַּיְקָא, בְּחִינַת חֲסָדִים, שֶׁעַל יְדֵי הַיַּיִן נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים וְזֶהוּ מִתְפַּתֶּה, שֶׁעַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים הוּא מִתְפַּתֶּה וּמִתְפַּיֵּס, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הָיָה

רָאוּי לְהִתְפַּתּוֹת לְפִי חֲסָדִים סְתָם, וְהָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת רֹגֶז, אֲבָל עַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים עַל יְדֵי הַיַּיִן הוּא מִתְפַּתֶּה כַּנַּ"ל, אֲבָל הַשּׁוֹתֶה יוֹתֵר מִדַּאי וּמִשְׁתַּכֵּר, אֲזַי אַדְּרַבָּא, מִתְגַּבְּרִין תֹּקֶף הַגְּבוּרוֹת, וְנַעֲשֶׂה כַּעַס וָרֹגֶז, וְלִפְעָמִים מִתְגַּבְּרִין גְּבוּרוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, וְיוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ', חַס וְשָׁלוֹם: וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת וְהָאַזְהָרוֹת שֶׁצִּוָּה משֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, כִּי משֶׁה הוּא מְלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר, וּמַזְכִּיר כָּל אֵיבָר וְאֵיבָר, שֶׁיַּעֲשֶׂה הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְאוֹתוֹ אֵיבָר כִּי רְמַ"ח מִצְווֹת כְּנֶגֶד רְמַ"ח אֵיבָרִים, מְחֹקֵק (דְּבָרִים ל"ג), שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח, שֶׁמַּזְכִּיר רְמַ"ח מִצְווֹת כַּנַּ"ל וְעַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ אוֹתָם, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי לא): "פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק", שֶׁעַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה וְהַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ רְמַ"ח מִצְווֹת שֶׁל משֶׁה כַּנַּ"ל וְהִתְלַבְּשׁוּת משֶׁה בָּאֵיבָרִים זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הִתְלַבְּשׁוּת הַדַּעַת בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל כִּי משֶׁה הוּא הַדַּעַת, וְהָאֵיבָרִים הֵם רְמַ"ח, בְּחִינַת אַבְרָהָם אִישׁ הַחֶסֶד, שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח אֵיבָרִים.

**לִיקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב, סִימָן כג:**

"מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה, הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ, נַזְכִּירָה דֹדֶיךָ, מִיַּיִן מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַב חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵיטִיב, רַחֵם עָלַי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וְזַכֵּנִי לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת בְּכָל עֵת, וְלַעֲבֹד אוֹתְךָ תָּמִיד בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל וְתִשְׁמֹר אוֹתִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וְתַצִּילֵנִי בְּכָל עֵת מֵרִבּוּי שְׁתִיַּת הַיַּיִן וּשְׁאָר מַשְׁקִים הַמְשַׁכְּרִים, שֶׁלֹּא אֶשְׁתֶּה לְעוֹלָם יוֹתֵר מֵהַמִּדָּה וְלֹא אָבֹא לִידֵי שִׁכְרוּת לְעוֹלָם כִּי אַתָּה גִּלִּיתָ לָנוּ עֹצֶם רָעַת הַשִּׁכְרוּת הַמַּטְרִיד וּמַעֲבִיר אֶת הָאָדָם מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עַל יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין אֶת כָּל הָאַזְהָרוֹת שֶׁל משֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהוּא מְלֻבָּשׁ אֶצְלֵנוּ בְּכָל אֵבֶר וָאֵבֶר אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וּמַזְכִּיר וּמַזְהִיר אֶת כָּל אֵבֶר וָאֵבֶר לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְכָל אֵבֶר וָאֵבֶר, שֶׁהֵם רְמַ"ח אֵיבָרִים כְּנֶגֶד רְמַ"ח מִצְווֹת עֲשֵׂה וְעַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת חַס וְשָׁלוֹם שׁוֹכְחִין כָּל אֵלּוּ הָאַזְהָרוֹת, וְכָל הַדְּרָכִים נַעֲשִׂים לְפָנָיו כְּמִישׁוֹר רַחֲמָנָא לִצְלָן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים" וְנֶאֱמַר: "לְמִי אוֹי לְמִי אֲבוֹי, לְמִי חַכְלִילוּת עֵינַיִם לַמְאַחֲרִים עַל הַיַּיִן, לַבָּאִים לַחְקֹר מִמְסָךְ אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִשׁ עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב יָם וּכְשֹׁכֵב בְּרֹאשׁ חִבֵּל".

מָלֵא רַחֲמִים, אַתָּה יָדַעְתָּ כַּמָּה נְפָשׁוֹת נִשְׁקְעוּ בִּיוֵן מְצוּלָה עַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וְנִטְרְדוּ מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת עַל יְדֵי זֶה הַצִּילֵנִי מָלֵא רַחֲמִים, שָׁמְרֵנִי

בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, שֶׁלֹּא אָבֹא לְעוֹלָם לִידֵי שִׁכְרוּת כְּלָל, וַאֲפִלּוּ בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּבִשְׁאָר זְמַנִּים קְדוֹשִׁים, אֲשֶׁר רְצוֹנְךָ שֶׁנְּשַׂמַּח אֶת נַפְשֵׁנוּ עַל יְדֵי שְׁתִיַּת יַיִן מְעַט, זַכֵּנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, שֶׁנִּזְכֶּה לְכַוֵּן אֶת הַמִּדָּה שֶׁלֹּא נִשְׁתֶּה כִּי אִם מְעַט הַמֻּכְרָח כְּפִי רְצוֹנְךָ, כְּדֵי לְרוֹמֵם דַּעְתֵּנוּ וּלְהַרְחִיב שִׂכְלֵנוּ וְלִבֵּנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ" בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְהַרְחִיב וּלְהַגְדִּיל הַחֲסָדִים שֶׁדַּעְתֵּנוּ מְלֻבָּשׁ בָּהֶם, שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב בֶּאֱמֶת, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת עַל יְדֵי זֶה, וְלִזְכֹּר עַל יְדֵי זֶה יוֹתֵר וְיוֹתֵר אֶת כָּל הָאַזְהָרוֹת בְּכָל אֵבֶר וָאֵבֶר שֶׁמַּזְהִיר אוֹתָנוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וְנִתְעוֹרֵר בְּיוֹתֵר לְקַיֵּם אֶת כָּל הַמִּצְוֹת הַשַּׁיָּכִים לְכָל אֵבֶר וָאֵבֶר וְתִפְתַּח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ וְאַחֲרֵי מִצְוֹתֶיךָ תִּרְדֹּף נַפְשִׁי וְאֶזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר עַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה בִּדְבֵקוּת נִפְלָא וַאֲמִתִּי כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, וְאֶהְיֶה מִתְפַּתֶּה בְּיַיִנִי בִּקְדֻשָּׁה גְדוֹלָה לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת, וְיִהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלַי הַרְחָבַת הַדַּעַת וְהַחֲסָדִים מִדַּעַת קוֹנִי, וְאֶזְכֶּה לְכַבֵּד אֶת יְהֹוָה בֶּאֱמֶת מֵהוֹנִי וּמִגְּרוֹנִי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יָדַעְתָּ כִּי אַף לְפִי גֹּדֶל הַגְּנוּת שֶׁל הַשִּׁכְרוּת בְּלִי שִׁעוּר, אַף עַל פִּי כֵן הֶכְרֵחַ לִפְעָמִים לִשְׁתּוֹת מְעַט בִּשְׁבִיל הַרְחָבַת הַדַּעַת כַּאֲשֶׁר הוֹדִיעוּנוּ חֲכָמֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים גֹּדֶל גְּנוּת הַשִּׁכְרוּת דְּסִטְרָא אַחֲרָא, וְגֹדֶל מַעֲלַת הַשְּׁתִיָּה בִּקְדֻשָּׁה לִשְׁמֶךָ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָכָה מְשַׂמְּחוֹ, לֹא זָכָה מְשַׁמְּמוֹ זָכָה נַעֲשָׂה רֹאשׁ לֹא זָכָה נַעֲשָׂה רָשׁ וְגַם אָנוּ מְחֻיָּבִים לְקַדֵּשׁ וּלְהַבְדִּיל עַל הַיַּיִן בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּלְבָרֵךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עַל הַכּוֹס שֶׁל יַיִן, כִּי אֵין אוֹמְרִים שִׁיר אֶלָּא עַל הַיַּיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הַמְשַׂמֵּחַ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים".

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וְזַכֵּנִי אוֹתִי וְאֶת כָּל חֶבְרָתֵינוּ, וְאֶת כָּל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, שֶׁנִּזְכֶּה כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ לֵידַע בְּכָל עֵת לְכַוֵּן הַמִּדָּה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּתְרַחֵק מֵהַשִּׁכְרוּת לְגַמְרֵי וּבְעֵת שֶׁיִּהְיֶה רְצוֹנְךָ לְשַׂמְּחֵנוּ מִיֵּינְךָ הַטּוֹב, תְּזַכֵּנוּ וְתִשְׁמֹר אוֹתָנוּ שֶׁלֹּא נִשְׁתֶּה יוֹתֵר מִדַּאי רַק מְעַט הַמֻּכְרָח, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׂמֵּחַ נַפְשֵׁנוּ וּלְהַרְחִיב דַּעְתֵּנוּ וּלְהַגְדִּיל הַחֲסָדִים וְלֹא נָבֹא עַל יְדֵי זֶה לִידֵי רֹגֶז וְדִינִים וּגְבוּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם כְּלָל רַק אַדְּרַבָּא נִזְכֶּה עַל יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְהִתְפַּתּוֹת בַּחֲסָדִים דִּקְדֻשָּׁה יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב בֶּאֱמֶת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת וְלָגִיל וְלָשִׁיר וְלִשְׂמֹחַ בְּשִׁמְךָ בְּגִילָה וְרַנֵּן, וּלְדַבֵּר דִּבְרֵי תוֹרָה בְּהַרְחָבַת הַלֵּב וּבְשִׂמְחָה מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְדַבֵּר וּלְגַלּוֹת, וְתָשִׂים מַחְסוֹם לְפִינוּ לְבִלְתִּי לִהְיוֹת "הוֹלֵךְ רָכִיל מְגַלֶּה סּוֹד" לְבִלְתִּי לְגַלּוֹת אָז חַס וְשָׁלוֹם מַה שֶּׁאֵין צְרִיכִין לְגַלּוֹת וְתִפְתַּח אֶת פִּינוּ בְּשִׁירוֹת

וְתִשְׁבָּחוֹת לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, וִיקֻיַּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב: "וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב, הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים, דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים" עָזְרֵנִי לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בְּכָל הַתְּנוּעוֹת, בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר הֶכְרֵחִיּוֹת, הַכֹּל אֶזְכֶּה לַעֲשׂוֹת עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב בֶּאֱמֶת כְּפִי רְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת בְּאוֹתוֹ הָעֵת וְהַזְּמַן, וְלֹא אָסוּר מֵרְצוֹנְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ נִיגוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס אִיךְ פִּיר זִיךְ, וֶוען אִיךְ לֶערְן נֶעם אִיךְ אַ נִיגוּן אוּן מִיט דֶעם זִינְג אִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאס גֶעבְּט מִיר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

אִיךְ טְרַאכְט אָבֶּער צוּמָאל אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט אַבִּיסְל אַ זִלְזוּל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֶפְשָׁר דַארְף מֶען מֶער לֶערְנֶען מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר פַארְוָואס אִיךְ טוּ דָאס, זֵיי הַאלְטְן מִיר פָאר אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ זִינְג נִישְׁט הוֹיךְ צוּ שְׁטֶערְן מַיינֶע אַרוּמִיגֶע.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ טוּ אִיךְ רִיכְטִיג, אִיךְ זֶע לְמַעֲשֶׂה אַז אָן דֶעם לֶערְן אִיךְ וֵוינִיגֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, בִּפְרַט דֶער סֵדֶר דֶערֶךְ הַלִימוּד וָואס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט עֶס מִיט חֵשֶׁק אוֹיפְ'ן קוֹל; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת לִימּוּד, סִימָן טו):

"הַדִּבּוּר בְּקוֹל רָם מֵבִיא הֶרְגֵּשׁ וּתְנוּעָה לְכָל הָאֵיבָרִים", לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן קוֹל בְּרֶענְגְט אַ חֵשֶׁק אוּן גֶעפִּיל אִין אַלֶע אֵבָרִים; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן טז): "הַלּוֹמֵד בְּקוֹל רָם מַאֲרִיךְ יָמִים, וְתַלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְ'ן קוֹל וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים אוּן עֶר וֶועט גֶעדֶענְקֶען וָואס עֶר לֶערְנְט; עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן קוֹל מִיט אַ נִיגוּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז וֶוען דוּ לֶערְנְסְט אוּן דַאוֶוענְסְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַנְדֶערְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא (בְּרָכוֹת לא.): "כְּשֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל עִם הַצִּבּוּר, הָיָה מְקַצֵּר וְעוֹלֶה מִפְּנֵי טֹרַח צִבּוּר", וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט צְוִוישְׁן עוֹלָם הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פְּרִיוַואט, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פְּרִיוַואט - "אָדָם מַנִּיחוֹ בְּזָוִית זוֹ וּמוֹצְאוֹ בְּזָוִית אַחֶרֶת מֵרוֹב כְּרִיעוֹת וְהִשְׁתַּחֲוָיוֹת", הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַזַא בְּרֶען, מִיט אַזַא פְלַאקֶער; עֶר הָאט אַזוֹי גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעשָׁאקֶלְט, עֶר אִיז גֶעלָאפְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ, דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּיְחִידוּת, אָבֶער צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, הִלֵּל הַזָּקֵן זָאגְט (תּוֹסֶפְתָּא בְּרָכוֹת, סוֹף פֶּרֶק ב): "אַל תֵּרָאֶה עָרוֹם", אוֹיבּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אָנְגֶעטוּן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אוֹיסְגֶעטוּן, "אַל תֵּרָאֶה לָבוּשׁ", אוֹיבּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעטוּן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן, "אַל תֵּרָאֶה עוֹמֵד", אוֹיבּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס זִיצְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁטֵיין, "אַל תֵּרָאֶה יוֹשֵׁב", אוֹיבּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן, "אַל תֵּרָאֶה שׂוֹחֵק", אוֹיבּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס טְרוֹיעֶרְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן, "אַל תֵּרָאֶה בּוֹכֶה", אוֹיבּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרוֹיעֶרְן; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מַסֶּכֶת דֶּרֶךְ אֶרֶץ רַבָּה, סוֹף פֶּרֶק ז): לֹא יִשְׂמַח אָדָם בֵּין הַבּוֹכִים וְלֹא יִבְכֶּה בֵּין הַשְּׂמֵחִים וְכוּ'.

אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי אַלֶעמֶען; קֶענְסְט זִיךְ אוּנְטֶער זִינְגֶען אַ נִיגוּן, אָבֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי און דַאוֶנֶען מִיט מִנְיָן ?

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ וויל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין און אָנְהֵייבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיּוֹם. אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין גָאר שְׁפֶּעט, און לְכָבוֹד דֶעם קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ דַאוֶענֶען אַסַאךְ מָאל בִּיְחִידוּת.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיף אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי און דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען און זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם ; בִּפְרַט וֶוען דוּ הַאלְסְט יֶעצְט פַאר דַיין חֲתוּנָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער ווִיכְטִיג, ווַייל עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם פַאר דִי ווַייבּ וֶוען דֶער מַאן שְׁלָאפְט בִּיז אִין טָאג אַרַיין.

זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מַאן שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג בִּיז שְׁפֶּעט ; קֶען זַיין עֶר וֶועט דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְן זַיין חֲשִׁיבוּת וְכוּ׳. וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דִי ווַייבּ שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי און גֵייט צוּם אַרְבֶּעט, זִי וויל הֶעלְפְן אִיר מַאן מִיט פַּרְנָסָה און וֶוען זִי זֶעט טָאג אֵיין טָאג אוֹיס ווִי עֶר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג, קֶען מֶען פַארְלִירְן דָאס חֵן און חֲשִׁיבוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ און אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ ; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ עֶס בַּאווַייזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טַאטֶע הָאט מִיר מְחַנֵּךְ גְעוֶוען נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה און אַזוֹי פִּיר אִיךְ זִיךְ טַאקֶע בָּרוּךְ הַשֵּׁם. אִיךְ וִויל אָבֶּער יָא זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גְעהֶערְט בַּיי שִׁיעוּרִים אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אִין מִקְוֶה; וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ מֶען קֶען רֶעדְן בְּמַחְשָׁבָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן טז) אַז עֶס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה פוּן דִי לוּנְגֶען צום מֹחַ, און דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען שְׁרֵייעֶן און קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת דַארְף זַיין דַוְקָא מִיטְ'ן זָאגְן, אָדֶער אוֹיבּ אִיךְ שְׁפִּיר מֶער אַ גֶעשְׁמַאק דוּרְךְ לֶערְנֶען מִיט בַּרְטְנוּרָא וְכַדּוֹמֶה און פַארְשְׁטֵיין - אִיז אוֹיךְ דָאס גוּט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט בַּקָּשׁוֹת וְכוּ' - אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גוּט מְחַנֵּךְ גְעוֶוען דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אִין מִקְוֶה, אָבֶּער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט וִידּוּי דְבָרִים. רֶעדְן אִין מִקְוֶה מֵיינְט מֶען 'רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן'; רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין - דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעטוּן.

מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אַלְס בָּחוּר אִין צֶעהְלִים'עֶר מִקְוֶה וִוי דֶער סְקָאלְיֶער רֶבִּי, הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי דָוִד יִצְחָק אַיְיזִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין; עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נִיגוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט: "סְקִילָה, סְקִילָה, סְקִילָה, סְקִילָה"; "שְׂרֵפָה, שְׂרֵפָה, שְׂרֵפָה"; (מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט עֶס זִינְגֶען מִיט דִי תְּנוּעָה), אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ צַדִּיקִים, מֶען פְלֶעגְט זֵיי הֶערְן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִין מִקְוֶה.

דָאס אִיז נִישְׁט וָואס דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה;

זַיי שְׁטַארְק וַוייטֶער מִיט דַיין אֵיידְלְקֵייט, רֶעד נִישְׁט אִין מִקְוֶה; עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה.

בְּעִנְיַן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מִקְוֶה מִיט דִי מַחֲשָׁבָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת הַמְתָּקַת דִּין, סִימָן נד): "עַל יְדֵי יְשִׁיבָה בַּמִּקְוֶה תַּחַת הַמַּיִם", וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ, אַז מֶען הַאלְט אַיין דֶעם אָטֶעם אוּנְטֶער דִי וַואסֶער, "עַד שֶׁלֹּא יוּכַל לְהַחֲזִיק בְּעַצְמוֹ הָרוּחַ וְהַנְּשִׁימָה", בִּיז מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, מֶען פַארְלִירְט דֶעם אָטֶעם, "נִמְתָּק הַדִּין", - וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מַאכְן לַאנְגֶע טְבִילוֹת, מֶען הַאלְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי וַואסֶער בִּיז מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אוּן בִּשְׁעַת מֶען אִיז אוּנְטֶער דִי וַואסֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בְּמַחֲשָׁבָה, מֶען טְרַאכְט וִוי מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הַמְתָּקַת הַדִּינִים.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיינְס בְּעִיוּן מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ בַּרְטְנוּרָא אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר בִּגְירְסָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מַאכְן אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִין סֶעמִינַאר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז דִי עֹנֶג שַׁבָּת פוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו, פוּל מִיט אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

אוּנְזֶער טָאכְטֶער דַארְף אַרַיינְגֵיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין סֶעמִינַאר דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן אִיר אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ גוּטֶע סֶעמִינַאר, עֶס זֶעט אוּנְז אוֹיס וִוי עֶס וֶועט זַיין אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אִיר, זִי אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, הָאט אַ גוּטֶע הַארְץ אוּן גוּטֶע מִדּוֹת, זִי אִיז צְנִיעוּת'דִיג אוּן אֵיידְל.

דֶער פְּרַאבְּלֶעם אִיז אַז עֶס אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶע פַארְלַאנְג פוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס וִוילְן דָארְט אַרַיינְגֵיין, אוֹיךְ זֶענֶען מִיר פוּן "עֵדוֹת הַמִּזְרָח" אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעבּוֹירֶענֶע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי אַלֶע זַאכְן מַאכְט אַז מִיר זָאלְן זַיין דִי לֶעצְטֶע אוֹיף דִי לִיסְטֶע אָנְצוּנֶעמֶען. מִיר הָאבְּן דֶערְוַוייל

נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עֶנְטְפֶער פוּן זֵיי, אוּן זֵי הָאט חַבֶר'טֶעס וֶועמֶען מֶען הָאט שׁוֹין יָא אָנְגֶענוּמֶען, אוּן דָאס מַאכְט דֶער מַצָב זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט.

מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען חִיזוּק אוּן אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם עִנְיָן. אוֹיךְ אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט (רִגְעֵי מוֹהֲרָא"ש, אוֹת מט אוּן וַוייטֶער) אַז זוּמֶער תשכ"ו הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נָאכְאַמָאל בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן; דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּקְרֵיינָא נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג. דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קוּמֶען, שְׁנַת תשכ"ד, הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיךְ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען הָאט זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט מוֹהֲרָא"ש הָאבְּן זֵיי זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז מוֹהֲרָא"ש זָאל נִישְׁט מִיט קוּמֶען.

דִי צְוֵוייטֶע מָאל, שְׁנַת תשכ"ו הָאט מוֹהֲרָא"ש זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיט גֵיין מִיט דִי קְבוּצָה וָואס הָאט בַּאקוּמֶען רְשׁוּת, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ בֶּעטְן בַּיי הָרַב הַחָסִיד ר' צְבִי אַרְיֵה רָאזֶענְפֶעלְד עֶר זָאל אִים מִיט נֶעמֶען, ר' צְבִי אַרְיֵ' הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן, וַוייל עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף מוֹהֲרָא"ש, מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶעהֶעצְט קֶעגְן אִים, הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אַ וִויזָא, אָבֶער מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיט זַיינֶע טְרֶערְן וֵוייךְ גֶעמַאכְט זַיין הַארְץ אוּן בַּאקוּמֶען רְשׁוּת מִיט צוּ גֵיין.

דֶער אָנְפִירֶער פוּן דִי גְרוּפֶּע הָאט אָנְגֶעזָאגְט יֶעדְן אֵיינֶעם מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייְכוּת מִיט מוֹהֲרָא"ש אוּן מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים; אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעטוּן. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶענִיצְט דִי טֵייעֶרֶע צַייט, סְפֶּעצִיעֶל אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג; מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַן הָאטֶעל אִין קִיֶעוו, פַאר

מִיר הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע צִימֶער, וַוייל אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען אִין חֵרֶם, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מִיר״.

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעזֶעסְן אַלֵיין, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַנְטְלוֹיפְן אַלְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַזוֹי ווִי דִי נְסִיעָה הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶר לַאנְג, אִיבֶּער פִּיר אוּן אַ הַאלְב שָׁעָה, (וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דֶער וֶועג פוּן קִיעֶוו קַיין אוּמַאן גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן), הָאבְּן זֵיי אוֹיפְ׳ן וֶועג אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ, אַז אַזוֹי וִוי דִי ד׳ אַמּוֹת פוּן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אִיז זֵייעֶר קְלֵיין אוּן עֶס וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען דָארְט זַיין אוֹיף אֵיינְמָאל אַזַא גְרוֹיסֶע גְרוּפֶּע פוּן פִינְף אוּן דְרַייסִיג מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּם צִיּוּן, עֶס וֶועט דָאךְ נִישְׁט זַיין קַיין פְּלַאץ פַאר יֶעדְן צוּזַאמֶען צוּ שְׁטֵיין בַּיים צִיּוּן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי צֶעטֵיילְט דֶעם עוֹלָם מִיט אַ גוֹרָל, אַז עֶס זָאל זַיין דְרֵיי גְרוּפֶּעס פוּן צֶען מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַמָאל וָואס זָאלְן קֶענֶען צוּגֵיין צוּם צִיּוּן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם גוֹרָל...

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אָבֶּער פַארְלָאזְט נָאר אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִין זְכוּת פוּן אַרְבֶּעטְן אַזוֹיפִיל פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן דִי אַלֶע יָארְן וֶועט מֶען אִים נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְשְׁטוּפְּן; עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט בִּכְלַל אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעלַאכְט פוּן זֵיי, אַז דָאס אִיז גָאר מִיט וָואס זֵיי פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועג: ׳וואוּ פָאר אִיךְ? צוּ וֶועמֶען פָאר אִיךְ?׳ עֶר הָאט זִיךְ גוּט גוּט צוּגֶעגְרֵייט אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט: ״דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז נִישְׁטָא קַיין מְיֻחָסִים, אַלֶע זֶענֶען אֵיינִיג בַּיי אִים; וַוייל וֶוען מִיר זֶענֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז וָואס דָארְט אִין הוֹיף גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צִיּוּן פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן דִי רוּסְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט אַז עֶס זָאל אָנְגֶעקוּמֶען אַזַא גְרוֹיסֶע גְרוּפֶּע אַמֶערִיקַאנֶער בִּירְגֶער אִין אַזַא קְלֵיין שְׁטֶעטְל וִוי אוּמַאן, דֶערְפַאר זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען פָּאלִיצֵיי אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט דֶעם עוֹלָם, מִיט טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת אַז דִי בַּאלֶעבָּאסְטֶע פוּנֶעם הוֹיז ווִיל נִישְׁט אַז אַזַא גְרוֹיסֶער צִיבּוּר זָאל אַרַיינְגֵיין אִין הוֹיף

און מֶען זָאל אִיר דָארְט אַלֶעס צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער הוֹיפְּט אָנְפִירֶער פוּן דִי נְסִיעָה הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיי זַיי, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אַלֶע טַעֲנוֹת און גֶעבֶּעטְן, עֶס הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט צוּצוּזָאגְן אַסַאךְ שֹׁחַד, עֶס הָאט אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי פָּאלִיצַיי הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער זָאל שׁוֹין צוּרִיק אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בָּאס און צוּרִיק פָארְן קַיין קִיעֶוו".

יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נֶערְוֶועז און דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען הָאט זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט און גֶעשְׁרִיגְן, און דֶערְוַוייל הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם סֵדֶר וָואס מֶען הָאט אַיינְגֶעטֵיילְט, וֶוער עֶס זָאל זַיין פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער און וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזֶען דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן וָואס קוּמְט דָארְט פָאר צְווִישְׁן עוֹלָם הָאט עֶר זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ צוּגֶערוּקְט נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם צוּם; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס שְׁטֵייט בַּיים טוֹיעֶר, בִּיז נָאכְ'ן טַעֲנָה'ן כִּמְעַט אַ שָׁעָה מִיט דִי פָּאלִיצַיי און דִי בַּאאַמְטֶע אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אִין דִי רַייעֶ. (קֵיינֶער הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי אִין דִי צַייט וָואס זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טוֹיעֶר און זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, עֶר זָאל זֶען דִי פִילֶע בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס עֶר לַיידְט דִי גַאנְצֶע וֶועג, מֶען אִיז אִים מַחְרִים און מֶען ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר זָאל כָאטְשׁ זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין און זָאגְן דָארְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דִי "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי").

דַאן אִיז גֶעקוּמֶען דִי בַּאפֶעל אַז מֶען קֶען אַרַיינְגֵיין; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ ווִינְקֶל און אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת און זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן "לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

מֶען אִיז דָארְט גֶעוֶוען פַאר דְרֵיי און אַ הַאלְבּ שָׁעָה, און ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאבְּן אַלֶע פַארְגֶעסְן פוּנֶעם גוֹרָל מִיט דִי לִיסְטֶעס, ווַייל פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק אַז מֶען זָאל זַיי נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן פוּן דָארְט, הָאט יֶעדֶער פַארְגֶעסְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, און וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער הָאט מֶען גֶעזֶען אַז דִי ד' אַמּוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ מוּעָט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה, עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ צְוֵוייטְן (ווַייל אִין דִי מִינוּט וָואס מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן

יֶענֶעם, יֶעדֶער טְרַאכְט נָאר פוּן זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז שׁוֹין דָא פְּלַאץ פַאר יֶעדְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְיֻחָסִים; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אִיבֶּער דֶעם וֶוער עֶס זָאל זַיין פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, וַוייל יֶעדֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְאֵיינֶעם אִין דִי ד' אַמּוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּלַאץ פַאר יֶעדְן").

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת אוֹיף אֵיין פְּלַאץ פַאר דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה אִין אַ צוּ, אוּנְטֶער דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן אוּן עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט; (דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא"שׁ: "כָאטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' אוּן דִי תְּפִלּוֹת מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט דָארְט עֶסְן אוּן גֶערֶעדְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. הָאט מִיר דָאס גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְווֵיינִיג").

אִינְצְוִוישְׁן זֶענֶען דִי פָּאלִיצֵיי שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אוּן הָאבְּן יֶעדְן פַארְטְרִיבְּן צוּרִיק צוּם בָּאס. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעפַּאסְט בִּכְלַל וָואס עֶס קוּמְט פָאר אַרוּם אִים, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען דָארְט אוּן עֶס אִיז דָא אַ בַּאפֶעל צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם בָּאס.

זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעצֵיילְט וְוִיפִיל מֶענְטְשְׁן גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיפְ'ן בָּאס אוּן גֶעזֶען אַז אֵיינֶער פֶעלְט, פוּן גְרוֹיס צֶעמִישֶׁענִישׁ אוּן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֵייט נָאךְ בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוּן נִישְׁט גֶעהֶערְט, נִישְׁט גֶעזֶען אוּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, וָואס טוּט זִיךְ בִּכְלַל אַרוּם אִים.

זֵיי זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען זוּכְן, זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר דַארְף שׁוֹין קוּמֶען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָבֶּער נִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט קָאפּ צוּ זֵיי, בִּיז וֶוען דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן שָׁאקְלֶען, דֶעמָאלְט הָאבּ עֶר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אוּן זֵיי גֶעוִוויזְן מִיט דִי צֶען פִינְגֶער, וְוִי צוּ וַוייזְן אַז זֵיי זָאלְן אִים גֶעבְּן נָאךְ צֶען מִינוּט צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צִיוּן אוּן זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען.

דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים אוֹיפְ'ן בָּאס, אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן אַרָאפְּצוּגֵיין; אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעזֶעסְן אוּן גֶעזִינְגֶען אוֹיפְ'ן בָּאס, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס

צִיּוֹן פַּאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּגֵיין פוּן בָּאס וַוייל מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דֶערְוַוייל גֶעבְּלִיבְּן בַּיים צִיּוּן פַּאר נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, וַוייל פוּן דִי צֶען מִינוּט וָואס זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶועזְן אִיז גֶעוָוארְן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ פוּן דָארְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען נָאךְ צְוֵויי מָאל זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעָן פוּן זֵיי אוּן צוּרִיק גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט פַּאר נָאךְ פוּפְצְן מִינוּט בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בָּאס.

"דֶעמָאלְט הָאבְּן מַיינֶע שׂוֹנְאִים גֶעזֶען", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, "אַז נִישְׁט נָאר בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, נָאר קֵיינֶער הָאט קוֹדֶם נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין בִּכְלַל אוּן וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין יָא גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרַיינְצוּגֵיין אוּן דֶער לֶעצְטֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען כִּמְעַט אַ שָׁעָה מֶער פוּן יֶעדְן. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ רֶעדְן מִיט מִיר אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק, זֵיי זֶענֶען נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַז עֶס הָאט מִיר קֵיינֶעם נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אוּן עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס טוּט זִיךְ אַרוּם מִיר".

דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אֲפִילוּ דָא אוּנְטְן אִיז דָא אַ לִיסְטֶע וֶועמֶען מֶען נֶעמְט אָן קוֹדֶם אוּן וֶועמֶען מֶען לֵייגְט בַּיים סוֹף, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע סֵדֶר; אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל טוּישְׁט זִיךְ דִי סֵדֶר, דֶער וָואס מֵיינְט עֶר גֵייט קוֹדֶם דֶער גֵייט בַּיים סוֹף אוּן דֶער וָואס מֵיינְט עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער דֶער בַּאקוּמְט דֶער עֶרְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן גֵייעֶנְדִיג הֲפָּצָה אִין הַייזֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וָואס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן; מִיטְ'ן

אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פְּרוּבִיר אִיךְ עֶס אוֹיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, אִיךְ גֵיי הֲפָּצָה אִין דִי הַייזֶער.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז לֵיידֶער בִּין אִיךְ נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן אַסַאךְ מָאל מַאכְט זִיךְ אַז פְרוֹי עֶפְּנְט דִי טִיר; זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין הֲפָּצָה בַּיי דִי הַייזֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, דָארְט הָאט עֶר מֵפִיץ גֶעוֶוען אַפָּאר סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן; זָאגְט רֶבִּי נָתָן (יְמֵי מוֹהֲרְנַ"תְּ חֵלֶק שֵׁנִי, אוֹת קטו): "בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד כְּדַאי כָּל הַיִּסּוּרִים וְטִלְטוּלִים שֶׁיֵּשׁ לִי, שֶׁאֲנִי עַכְשָׁו כְּמוֹ בְּגָלוּת מִצְרַיִם, שֶׁאֲנִי נָע וָנָד וּמְטֻלְטָל וּמְבֻלְבָּל בַּאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא שֶׁל מִצְרַיִם", פַאר דֶעם אַלֵיינְס אִיז מִיר וֶוערְד גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, דוּרְךְ גֵיין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעפּ, "אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא עָלָה עַל דַּעְתִּי לִהְיוֹת כָּאן", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אִין מַיין לֶעבְּן אָנְקוּמֶען אִין מִצְרַיִם, "אֲבָל כְּשֶׁאֲנִי זוֹכֶה לְהַזְכִּיר בַּאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא בַּשּׁוּק שֵׁם הַסֵּפֶר שֶׁל רַבֵּנוּ הַנּוֹרָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶערְמַאנֶען נָאר דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין גַאס אִין אַלֶעקְסַאנְדְרִיֶע, "בִּשְׁבִיל זֶה הַכֹּל כְּדַאי", פַארְדֶעם אַלֵיינְס אַז שׁוֹין אַלֶעס וֶוערְד, "כְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי מַאֲמִין וְיוֹדֵעַ קְצָת גְּדֻלַּת קְדֻשַּׁת נוֹרְאוֹת זֶה הַסֵּפֶר", לוֹיט וִויפִיל אִיךְ וֵויס בַּיי מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ אִיד ר' אַהֲרֹן, יֶענֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיבּ עֶר הָאט מִיט זִיךְ עֶפֶּעס פְרִישֶׁע סְפָרִים, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מִיט מִיר אַ נֵייעֶם סֵפֶר וָואס אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען, דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן"; מִיט דֶעם הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

שְׁפֶּעטֶער שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן נָאכְאַמָאל (שָׁם, סִימָן קכה; קכח): "בְּכָל הַדֶּרֶךְ שֶׁהָלַכְתִּי מִסְּטַנְבּוּל לַאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא הָיָה לִי צַעַר כְּשֶׁזָּכַרְתִּי שֶׁאֲנִי מֻכְרָח עַתָּה לֵילֵךְ לְמִצְרַיִם", עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם; אַ פְּלַאץ וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים יז, טז): "לֹא תֹסִפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד", מֶען זָאל נִישְׁט צוּרִיק גֵיין קַיין מִצְרַיִם; מִיט דֶעם פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט זַיין בַּיי אֵיינֶעם אוּן אִים מֵפִיץ זַיין דִי סְפָרִים "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "וְזֶה יָקָר בְּעֵינַי מְאֹד שֶׁזָּכִיתִי לְהַשְׁאִיר סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּמְדִינָה רְחוֹקָה כָּזֹאת", דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט מֵפִיץ זַיין אִין אַזַא וַוייטֶע מְדִינָה.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער אִין הַפָּצָה אוּן הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, וַוייל דֶער וָואס הָאט שְׁמִירַת עֵינַיִם - דֶער הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן וואוּ אִימֶער אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם דֶער קֶען זִיצְן אִין אַ פַּארְמַאכְטֶע שְׁטוּב אוּן קוּקְן דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן; הֲפָּצָה אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז נִישְׁט סוֹתֵר הֲפָּצָה, וַוייל דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, אִים אִיז בִּיטֶער אָן הֲפָּצָה.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיין יֵצֶר הָרָע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף מַיין פְּרָאבְּלֶעם, לֵיידֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן שְׁרֶעקְלִיכְן יֵצֶר הָרָע פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

שׁוֹין פוּן מַיין בַּר מִצְוָה בִּיז הַיינְט, פִיר יָאר - פַּאל אִיךְ לֵיידֶער דוּרְךְ כִּמְעַט יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן. עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע צַייטְן וֶוען עֶס אִיז מִיר יָא גֶעלוּנְגֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אַבִּיסְל אוּן זִיךְ אָפְּהִיטְן, עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג.

אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אִיךְ וַוארְט אָבֶּער נָאךְ אוֹיף דִי יְשׁוּעָה. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק אִין דֶעם עִנְיָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (וַיְחִי ריט ע"ב): "לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דֶערוֹיף קַיין תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, ווער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה - אִים הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "וְלֵית לָךְ לְחַיָּיבָא דְּלָא חֲמָאָן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", ווער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים, "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן; וַוייל יֶעדֶע טִפָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא לְבַטָּלָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַרְגְ'עֶט זַיינֶע קִינְדֶער.

דָאס אִיז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אֵיין מָאל וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַסַאךְ מָאל, יָאר נָאךְ יָאר; וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי בְּרִיוו 'שׁוֹין פִיר יָאר' וָואס דוּ זִינְדִיגְסְט כִּמְעַט יֶעדְן טָאג - אִיז דָאךְ זֵייעֶר בִּיטֶער.

מִיט יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאשַׁאפְט מֶען שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי לָאזְן נִישְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן בִּיז צוּם קֶבֶר. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמא): "כְּשֶׁנִּפְטָר הָאָדָם, הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם", זֵיי קְלָאגְן אוֹיפְ'ן נִפְטָר אַזוֹי וִוי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, "רַחֲמָנָא לִצְּלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ, כַּיָּדוּעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים, עַיֵּין שָׁם, אוֹיבּ אִיז אַזוֹי אַז עֶס

הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה וָואס זָאל מֶען טוּן?

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר – נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה", אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּן אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר דִיר, אֲפִילוּ אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ טוּסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן – קֶענְסְטוּ נָאךְ אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

ווַייל דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת חֲבִירוֹת וְקַבְּלָנוּת, הֲלָכָה ב, אוֹת יב): "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, וְהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי מַעֲשָׂיו הָרָעִים, אַף עַל פִּי כֵן יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'בְּקַל עַל-יְדֵי לִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה', כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁהוּא בְּעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וּמְעוֹרֶרֶת אוֹתוֹ וּמְקָרֶבֶת אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית חַס וְשָׁלוֹם אוּן הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, קֶען עֶר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה גְרִינְג צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה, "וְהַכְּלָל, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ בְּעִמְקֵי תְּהוֹם לְעוֹרֵר אֲפִלּוּ אֶת הַפְּחוּתוּת שֶׁבִּפְחוּתִים, לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְעַל-יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה - יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כב.): 'אֵין דִּבְרֵי תוֹרָה מְקַבְּלִין טֻמְאָה', וְעַל כֵּן אֲפִלּוּ הַזָּבִין וְהַמְּצֹרָעִים וְכוּ' עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וְכוּ' - דָאס קוּמְט מְרַמֵּז זַיין אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ "בְּסִטְרָא דְמִסָאֲבוּתָא", - דַארְפְן אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "כִּי הַתּוֹרָה תְּקָרֵב גַּם אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט זֵיי אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים לא, יז-כא): "וְהִסְתַּרְתִּי פָּנַי וְכוּ' וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו וְכוּ', כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", אֲפִילוּ וֶוען אִידְן זִינְדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם אוּן דוּרְךְ זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אַן הַסְתָּרַת פָּנִים חַס וְשָׁלוֹם, דָאךְ וֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְכוּ' כִּי לֹא תִשָּׁכַח" וְכוּ'. עַיֵּין שָׁם.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וַוייל דֶער מֹחַ אִיז זֵיי פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי אִיז אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל; דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער אוּן זֵיי אָפְּהַאלְטְן פוּן זֵייעֶר רְגִילוּת.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים; דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דִי פֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן זָאל נִישְׁט אָפְּבְּרִיעֶן דִי טַאטֶע מַאמֶע**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד דִי טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע עֵצוֹת, מִיר דַארְפְן נוּצְן דִי עֵצוֹת - וֶועט אוּנְז גוּט זַיין. אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת, מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דִי עֶלְטֶערְן. אִיר זֶענְט אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים אִיז אַ מְחַיֶּ'; וַוייל דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים בְּרֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק, יֶעדֶעס וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אָבֶּער דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי פֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן זָאל נִישְׁט אָפְּבְּרִיעֶן טַאטֶע מַאמֶע וְכַדוֹמֶה. טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין; מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן צוּ טַאטֶע מַאמֶע פוּן רֶבִּי'ן. טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי הֶערְן אַז זֵייעֶר קִינְד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, פוּן אַזוֹיפִיל לָשׁוֹן הָרָע וָואס אִיז דָא אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף דֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס - אוֹיף אִים דַארְף מֶען טַאקֶע קְרִיגְן אוּן אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס אִיז דָא אוֹיפְ'ן

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; מִיר דַארְפְן טוּן אַלֶעס וָואס מִיר קֶענֶען אַז מֶען זָאל אַרוֹיפְקוּקְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, מֶען זָאל ווִיסְן אַז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים זֶענֶען דִי צַדִּיקִים פוּן אוּנְזֶער דוֹר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק", דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן צַדִּיק, "שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן צַדִּיק אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען; מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אַלֶע זָאלְן זֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואס בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים זֶענֶען.

יֶעצְט וֶוען אִיר זִיצְט אִינְאֵיינֶעם בַּיי דִי חֲבוּרָה ווִיל אִיךְ מִיט אַייךְ לֶערְנֶען אַ קְלֵיינֶע תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. מִ'שְׁטֵט אוֹיף דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א סִימָן קעא; דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (דָּנִיֵּאל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ", פִיל פוּן דִי טוֹיטֶע וָואס שְׁלָאפְן אִין דִי עֶרְד וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּ תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם", דִי צַדִּיקִים וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים צוּ אַן אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן, "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", אוּן דִי רְשָׁעִים וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַ נֵייעֶ פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק, "עַל יְדֵי שֶׁנִּתְעוֹרֵר שֵׂכֶל חָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה', מַה שֶׁלֹּא הָיָה נוֹדָע עַד עַתָּה", וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט אַ נֵייעֶ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ וֶועג וָואס אִיז נֵיי, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, "עַל יְדֵי זֶה 'רַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ'", אִיז דָאס אַזוֹי ווִי תְּחִיַּית הַמֵּתִים, מֶענְטְשְׁן וֶועקְן זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, "אַךְ 'אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם'", אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע נֶעמֶען דֶעם וֶועג פַאר אַן אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן, "כִּי 'צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם' - שֶׁעוֹבְדִין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דִי צַדִּיקִים נֶעמֶען דִי נֵייעֶ וֶועג פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן, "'וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם', שֶׁאֵינָם עוֹבְדִין בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווִידֶער דִי רְשָׁעִים נֶעמֶען דִי וֶועג, נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רַק שֶׁעַל יְדֵי זֶה הֵם מְבַזִּין וּמְחָרְפִין אֶת הָעוֹלָם עַל שֶׁהֵם יוֹדְעִין מִזֶּה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ, וְהָעוֹלָם אֵינָם יוֹדְעִין מִזֶּה", נָאר אָפְּצוּשְׁפֶּעטְן פוּן אַנְדֶערֶע, 'נָאר מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם אֱמֶת', 'נָאר מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם צַדִּיק', 'נָאר מִיר זֶענֶען בַּיים אֱמֶת'; זֵיי שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן אַנְדֶערֶע, "וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי, לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, הַיְנוּ לְחָרֵף וּלְבַזּוֹת הָעוֹלָם, כִּי אֵינָם מִשְׁתַּמְּשִׁין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ רַק לְבַזּוֹת וּלְחָרֵף הָעוֹלָם, עַל יְדֵי שֶׁהֵם יוֹדְעִים מִזֶּה, וְהָעוֹלָם הֵם רֵיקִים וַחֲסֵרִים מִזֶּה"; דָאס אִיז פְּשַׁט לַחֲרָפוֹת

וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, זַיי שְׁפֶּעטְן פוּן דִי וֶועלְט.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ יֶעצְט עֶרְוֶועקְט, עֶס אִיז בַּיי אוּנְז דִי בְּחִינָה פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְווּיסְט פוּן אַ נַייעֶ לִיכְטִיגְקֵייט, אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ טוּן עֲבוֹדוֹת וָואס גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט קוּמֶען מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן צוּ צוּ אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם; חַס וְשָׁלוֹם וֵויי טוּן אַ טַאטֶע, חַס וְשָׁלוֹם וֵויי טוּן אַ מַאמֶע, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ מִתְחַצֵּף זַיין פַאר אַנְדֶערֶע וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ זָאגְט מֶען: קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דַיין לֶעבְּן אַבִּיסְל תִּיקוּנִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר לִכְבוֹד דַיין סִיּוּם וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צֶענְטֶע מָאל סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דַיין לֶעבְּן אַבִּיסְל תִּיקוּנִים, דָאס וֶועט דִיר

אויסְלַייטֶערְן און אויסְוואשְׁן פון אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אַרִיזַ״ל בֶּעטְן אַ תִּיקוּן אוֹיף זַיינֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער אַרִיזַ״ל גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פִינְף בְּלֶעטֶער תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דָאס וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן פַאר אִים.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַלֶע זִיבֶּעצִיג תִּיקוּנִים זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען דִי הַשְׁמָטוֹת בַּיים סוֹף.

דִי שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס, מֶען קוּקְט דֶערוֹיף אָן אַרוֹיסְזָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ מְתַקֵּן זַיין וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַ גוּטֶער מְלַמֵּד בּוֹיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן הָאט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד**

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת; אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט בֶּעסֶערֶע צֶעטְלֶעךְ אַהֵיים צוּ שִׁיקְן וְכוּ׳, אַ גוּטֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, עֶר בּוֹיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט הִלֵּל׳ס גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר רוּפְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג פְרֶעגְן: ׳אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אַזוֹי?׳ ׳אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אַזֵי?׳ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט, דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר רוּאִיג, אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעווּסְט אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער דֶערְצֵיילְן וֶוען דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים וְכוּ׳. לֶעצְטְנְס רוּפְסְטוּ מִיר מֶער נִישְׁט, אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר; בִּין אִיךְ אַבִּיסְל בַּאזָארְגְט אוֹיבּ אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר גָּמוּר.

נִישְׁט אַז אִיךְ זוּךְ זִיךְ אַרְבֶּעט, נָאר אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער

מְלַמֵד, נִישְׁט שְׁרַייעֶן וְכוּ׳; אַז מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן אִיז שׁוֹין בִּיטֶער, אַז דִי קִינְדֶער כַאפְּן טָאג אוּן נַאכְט פְּסָקִים אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ זֶע דַיין צֶעטְל וָואס דוּ מַאכְסְט וֶועכֶנְטְלִיךְ, אָבֶער דָאס מֵיינְט פַאר מִיר גָאר וֵוייניג, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶערְן צֶעטְל, אוֹיבּ דָארְט לִיגְט אַ מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעדוּלְד - אִיז גוּט, אוֹיבּ לִיגְט אַ נֶערְוֶועזְדִיגֶער נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד - אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ.

...

## אַ גוּטֶער מְלַמֵד מֶעסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט ווִיפִיל צֶעטְלֶעךְ עֶר שִׁיקְט אַהֵיים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד תַּלְמוּד תּוֹרָה קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אַ גוּטֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה מֶעסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט ווִיפִיל צֶעטְלֶעךְ דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים, נִישְׁט דָאס מַאכְט דֶעם מְלַמֵד בֶּעסֶער אָדֶער עֶרְגֶער, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד אִיז אַ נֶערְוֶועזֶער, אָנְגֶעפִילְט מִיט נֶערְווֹן וֶועט אִים נִישְׁט נוּצְן דִי צֶעטְלֶעךְ וְכוּ׳.

מִיר קֶען מֶען נִישְׁט פַארְקוֹיפְן וָואס אַ מְלַמֵד אִיז, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד מִיט יָארְן צוּרִיק; דִי אַלֶע קוּנְטְרֵסִים, צֶעטְלֶעךְ, טְשַׁארְטְס וְכוּ׳, וְכוּ׳ - אִיז לֹא מַעֲלֶה וְלֹא מוֹרִיד, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הָאבְּן מְלַמְדִים וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען רוּאִיג, מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט נֶערְווֹנְדִיג הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אִין דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְג׳עֶ חֵדֶר פְּלֶעגְט מֶען אַרַיינְלֵייגְן כֹּחוֹת אִין דִי זַאכְן, מֶען פְּלֶעגְט פְּרוּבִּירְן צוּ וַוייזְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן ווִיפִיל בֶּעסֶער דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז, אַז מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען מִיט אַרְטְ״ס עֶנְ״ד קְרֶעפְטְ״ס, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן, מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן דִי קָאפּ, מֹחַ, מַחֲשָׁבָה, הַארְץ אוּן גֶעפִיל אִין דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן, אוֹיפְבּוֹיעֶן.

...

## די מַחֲשָׁבוֹת פַּייניגְן דֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שַׁבַּת מְבָרְכִים, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ די אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס לָאזְן דיר נִישְׁט מְנוּחָה וְכוּ', דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַּארְלוֹירְן; דוּ ווילְסְט אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט אָבֶער דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן, שְׁטֶענְדִיג בִּיסְטוּ צֶעמִישְׁט, דוּ טְרַאכְסְט אִיבֶער, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט צַאמְעֶנְעֶמֶען דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

נֶעם די עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אִיךְ שְׁרַייב דיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים; דָא הָאסְטוּ די תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג; מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פַּייניגְן מִיר, מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת לָאזְן מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, אִיךְ טְרַאכְט טָאג אוּן נַאכְט אִיבֶּער אַלְטֶע זַאכְן: 'אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן?' 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן?' אִיךְ פַּייניג זִיךְ מִיט סְפֵיקוֹת, אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטֵיין בַּיי יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, עֶס הַאקְט מִיר אִין קָאפּ: 'יָא גוּט גֶעטוּן, נִישְׁט גוּט גֶעטוּן?' 'אִיךְ בִּין יָא גוּט? אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט?'

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, די יְסוּרִים אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס גֶעזוּנְט, אִיךְ זֶע אוֹיס פֵיין, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג בִּין אִיךְ חָרוּב וְנֶחְרַב, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶעגְגֶעֶן מַיינֶע וֵוייטָאג, אָבֶער דוּ בִּיסְט דָאךְ "הַיּוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת", דוּ וֵוייסְט מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, בֶּעט אִיךְ דיר, "יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָּא", הֶעלְף מִיר, הֵייל מִיךְ אוֹיס, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר אוֹיסְהֵיילְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג זִיךְ צוּ הֵיילְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין רְפוּאָה פַאר מִיר, דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶענְסְט מִיר אוֹיסְהֵיילְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן די תְּפִלָּה לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ טָאג זָאג אִיךְ דיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען מְנוּחָה אִין דַיין מֹחַ.

אִיךְ בֶּעט דיר דוּ זָאלְסְט מִיר וַוייטֶער שְׁרַייבְּן, ווייל אִיךְ הָאבּ דיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן דיר, אִיךְ זֶע אִין דיר אַן עָתִיד אַ שֵׁיינֶעם.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## יֶעצְט זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שַׁבָּת מְבָרְכִים, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה הַחֲשׁוּבָה ... תִּחְיֶ׳**

מַזָּל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוּיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ גֶעבּ אַייךְ אַ מַתָּנָה, אַ תְּהִלִּים; אַ נֵייעֶ תְּהִלִּים. דֶער תְּהִלִּים וֶועט זַיין אַייעֶר ״דַאנְק תְּהִלִּים״; אִין דִי אַלְטֶע תְּהִלִּים הָאט אִיר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל אוּיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ בַּעַל מִידוֹת וְכוּ׳, וְכוּ׳; יֶעצְט אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ טְרֶעפְן אַזַא טַייעֶרֶע חָתָן - דַארְפְט אִיר אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זַיין שְׁטַארְק אִין דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין הֲלָכָה, אֵיין שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים - דָאס אִיז ״מְחַבֵּר אוּן רְמָ״א״, אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים - אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אַרוּם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ - טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם וְכוּ׳; קוּק דֶער לָשׁוֹן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט): ״כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר״, יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, ״וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילוּ שֶׁלֹּא

בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ״, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ׳ זָאל מֶען לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה, אֲפִילוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ׳, ״כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו״, וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

הֲלָכָה אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן דֶער ווִיכְטִיגְסְטֶער שִׁיעוּר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם) אַז הֲלָכָה קוּמְט פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, ״כִּי עַל יְדֵי חֲטָאִים נִתְעָרֵב טוֹב וָרַע״, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מִישְׁט עֶר אוֹיס גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס; עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, אוֹיף שְׁלֶעכְטְס זָאגְט עֶר אַז דָאס אִיז טוֹב, אוּן אוֹיף גוּטְס זָאגְט עֶר אַז דָאס אִיז רַע; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, ״וְעַל יְדֵי לִמּוּד פּוֹסֵק, שֶׁמְּבָרֵר הַכָּשֵׁר וְהַפָּסוּל הַמֻּתָּר וְהָאָסוּר הַטָּהוֹר וְהַטָּמֵא, עַל יְדֵי זֶה נִתְבָּרֵר וְנִפְרַשׁ הַטּוֹב מִן הָרָע״, וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה זֶעט מֶען גְלַייךְ וָואס אִיז גוּטְס אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְטְס, וָואס מֶעג מֶען טוּן אוּן וָואס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ, יֶעדֶער אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ׳ אוּן ווִיפִיל מָאל מֶען ווִיל זַיין גוּט וְכוּ׳ גֵייט עֶס נִישְׁט.

מִיטְוָואךְ נַאכְט, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם פַאר פְּרוֹיעֶן; זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען, זִי זָאל קֶענֶען שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרײַנְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט זוּכְן אַנְדֶערֶע גְלִיקְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט; מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאכְן, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען עֶס בְּלָאזְט אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע ווִינְטְן, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - זֶענֶען דִי לֶערֶערִינְס זֵייעֶר חָשׁוּב.

לֵייגְט אַרַיין אִידִישְׁקֵייט מִיט זִיסְקֵייט, לֵייגְט עֶס אַרָאפּ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט שְׁטָאלְץ, מִיט זַאפְט; זֵיי זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג.

עַל פִּי רוֹב דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער דִי זוּכְן זִיךְ אָנְצוּטוּן נִישְׁט אֵיידְל, זֵיי זוּכְן צוּפְרִידְנְקֵייט. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, זֵיי זוּכְן לִיבְּשַׁאפְט, זֵיי זוּכְן שִׂמְחָה, נֶעבֶּעךְ דִי יוּנְגֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ, זֵיי לֶעכְצְן פַאר אַ טַעַם אִין לֶעבְּן; לְמָשָׁל דִי מֵיידְל ..., זִי הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטוּב, טַאטֶע מַאמֶע הַרְגְ׳עֶנֶען זִיךְ, דִי קִינְדֶער הֶערְן ווִי זֵיי שְׁרֵייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג אַז מֶען גֵייט זִיךְ גֶטְ׳ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאס מַאכְט זִי זָאל זִיךְ שְׁמִירְן דִי פָּנִים אוּן זִיךְ אָנְטוּן קוּרְץ.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בַּאגִיסְט זֵיי מִיט חִיזוּק, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט דַארְפְן דִי אַלֶע זַאכְן, זֵיי וֶועלְן זַיין צוּפְרִידְן.

נָאךְ אַ נְקוּדָה. בַּיי דִי תַּלְמִידוֹת וָואס פָאלְגְן, זֵיי פִירְן זִיךְ אֵיידְל - וֶועל אִיךְ וַוייטֶער זַיין שַׁדְכָן, אָבֶּער דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט; ווִיפִיל אִיךְ בֶּעט זִיךְ אוּן אִיךְ שְׁרַייב זֵיי מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן שִׁידוּכִים, דִי וָואס רֶעדְן וַוייטֶער - וֶועל אִיךְ נִישְׁט טוּן פַאר זֵיי.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם פָארִיגֶע וָואךְ אִיז גֶעוֶוען דְרֵיי שִׁידוּכִים, אַלֶע דְרֵיי כַּלוֹת זֶענֶען אֵיידְל, זֵיי רֶעדְן נִישְׁט פוּן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט; בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר שַׁדְכָן.

...

## אַ קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס וָואס עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, קֶען זֵיי גֶעבְּן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג הֵייבְּסְטוּ אָן דִי פַּרְשָׁה אוּן דוּ לֶערְנְסְט בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְנְסְטוּ בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימוּד [ע' שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ אָן קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָן קַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - דַארְף מֶען טוּן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה זָאגְט, דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן רֶעדְן צוּ דִי טֶעכְטֶער וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, סִימָן ה): "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", אַ מֵיידְל דַארְף אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא אַסַאךְ פְּרִיצוּת, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְזָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנִיוָולִים אוּן מַשְׁחִיתִים.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק, מֶען דַארְף זֵיי אָבֶער אָנְגְרֵייטְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי אַלֶע אוֹיבֶּער חֲכָמִים וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּג אוּן זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן, מִיטְ'ן טַעֲנָה: 'וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וְכוּ'?' דִי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט,

וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמַאר הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג; וִויפִיל מֶען הָאט גֶעזָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן: 'פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער?' הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנ'ט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי דָאס הֶערְן פוּנֶעם מְחַנֵּךְ אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע וֶועג ווִי אֵיידֶער אַרַיינְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת".

יָפֶה שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם, מִיט אַ קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס וָואס טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער קֶענֶען זֵיי גֶעבְּן לֶעבְּן דֶעם קִינְד; וֶוער עֶס טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן וֵוייסְט ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִין לֶעבְּן אוּן ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגְרִינְד גֶעגַאנְגֶען נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי בַּא'עַוולֶה'ט רַחֲמָנָא לִצְּלָן, מֶען הָאט זֵיי גֶענוּצְט פַאר עֲבֵירוֹת; וָואלְטְן זֵיי גֶעווּיסְט זִיךְ צוּ הִיטְן וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן זֵיי וָואלְטְן גֶעבְּלִיבְּן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֶען וִויל פוּן הִימְל, פוּן הִימְל ווִיל מֶען עֶנְק אוֹיפְוֶועקְן אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. מֶענְטְשְׁן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט ווִיפִיל מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן ווִי אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אַזוֹי צוּ זַיין, בִּיז זַאכְן הֵייבְּן אָן גֵיין שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, דֶעמָאלְט וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם. זָאג דֶעם פָּסוּק <sub></sub>(יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב; אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט נָאכְגֵיין דֶעם יֵצֶר הָרָע".

דִי פָּאר וֶוערְטֶער בַּיי דִי מְזוּזָה וֶועט דִיר גֶעבְּן הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער עִיקָר הַצְלָחָה מִיט תַּלְמִידִים אִיז סַבְלָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זַיין רוּאִיג, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, ווַייל דֶער עִיקָר הַצְלָחָה מִיט תַּלְמִידִים אִיז סַבְלָנוּת; ווִי מֶער סַבְלָנוּת מֶען הָאט - אַלְץ מֶער אִיז דָא הַצְלָחָה.

אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער, מֶען קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁרֵייעֶן; מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן ע׳ קָלִין בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב).

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ לוֹיבּ דִיר אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָּ׳ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג. אִיךְ בִּין אַזוֹי נֶערְוֶועז; שְׁטֶענְדִיג בִּין אִיךְ נֶערְוֶועז, אִיךְ בִּין אָנְגֶעצוֹיגְן פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אַלְץ בִּין אִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ גֶעבּ דָאס אוֹיס אוֹיף דִי קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ זָאג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אַלֶע לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל זֶען זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת״.

אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער פוּן אַייךְ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַמָאל אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט? וֶוער פוּן אַייךְ אִיז שׁוֹין אַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ צֶעקְלַאפְּט? הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין דִי שְׁנֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ זַיין רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט בַּאדִינְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי. אַמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְלִיטְשִׁיג, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ גְלִיטְשׁ אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי שְׁנֵיי.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע פְרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, זִי הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים, הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? בִּיסְט גֶעפַאלְן וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף פַאר'ן זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר!" אַזוֹי הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן, זִיךְ אָפְּגֶעפִּיצְט פוּן דִי שְׁנֵיי אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אַלְטֶע אִידֶענֶע: "אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייל עֶס אִיז גְלִיטְשִׁיג, אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייל עֶס שְׁנֵייט; וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הָאבּ

אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶער עֶרְד; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אֲפִילוּ מִיר פַאלְן זָאלְן מִיר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער זָאלְן מִיר נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ״.

דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז צְוֵויי זַאכְן; אֵיינְס, וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט, מִיר צֶעקְלַאפְּן זִיךְ - זָאלְן מִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דָאס קוּמְט וַוייל מִיר גֵייעֶן צוּם צַדִיק. צְוֵוייטְנְס, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ׳ן לֶעבְּן, טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



**חשוב׳ע קינדער שיחיו!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז די ערשטע גורל וועט אם ירצה ה׳ פארקומען דאנערשטאג פרשת וארא, ראש חודש שבט הבא עלינו לטובה!

**נעמט אין אכט, דער געווינער דער חודש פון ווערן דערמאנט ביים ציון פון הייליגן מוהרא״ש זצ״ל אין יבנאל וועט ווערן דערמאנט אין די טעג פון די יארצייט - י״ז שבט (וואס געפאלט היי יאר אום שבת קודש)**

אין די זעלבע צייט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אלע חשוב׳ע קינדער פון וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנטריאל און ארץ ישראל וואס האבן איבערגעלאזט הערליכע שיינע און באלערנדע מעסידזשעס וועלכע מיר האפן צו דרוקן דעם קומענדיגן וואך אינעם קונטרס.

מיר וועלן נאכאמאל איבערגיין די דעטאלן פונעם גורל:

יעדעס קינד וואס וועט אריינשיקן סיי וואס פאר א נקודה וואס ער האט ארויסגענומען פון די וועכנטליכע קונטרס ״עצתו אמונה-איש אמונות״ און ״עצתו אמונה פאר קינדער״ וועט אריינגיין אין א גורל אויף א שיינע מתנה.

דאס קען זיין א מעשה וואס מען האט אויפגעכאפט, א ווארט פון חיזוק אויף א שוועריקייט וואס מען גייט דורך, א מידה וואס מען האט זיך געלערנט, סתם א זאך וואס מען האט אויפגעכאפט, אדער סיי וועלכע אנדערע זאך וואס מען האט געליינט אינעם קונטרס.

די גורל וועט ווערן ארויסגעצויגן איינמאל א חודש און דער געווינער וועט קענען אויסוועלן איינע פון די פאלגנדע זאכן:

- עצתו אמונה אויף פאסט פריי פון אפצאל פאר זעקס חדשים

- איינע פון די חלקים עצתו אמונה אריינגעשריבן די נאמען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

- ווערן דערמאנט ביים ציון פון מוהרא"ש זצ"ל אין יבנאל

אזוי אויך וועט ווערן אויסגעקליבן יעדע וואך עטליכע שיינע מעסידזשעס וואס די קינדער האבן אריינגעשיקט און וועט ווערן געדרוקט אינעם וועכנטליכן קונטרס בעז"ה.

מעסידזשעס קען מען דערווייל איבערלאזן אויפ'ן טעלעפאן נומער 718-387-2691 ביי אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס:

info@kerenhadfusa.org

מיר האפן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צוצולייגן נאך טעלעפאן און פעקס נומערן פון פארשידענע לענדער וואו מ'וועט קענען איבערלאזן מעסידזשעס.

ווען מען לאזט אריין די מעסידזש דארף מען צוערשט זאגן דעם נאמען, די יארגאנג און די שטאט וואו מ'וואוינט, און אויב מ'לערנט אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב זאל מען צולייגן דעם מלמד'ס נאמען, אזוי אויך ווען מ'שיקט דאס אריין בכתב.

חזקו ואמצו!

בעזהשי"ת

**באקומט אויף די פאסט יעדע וואך בעז"ה**
**בית נצחי, גליון היכל הקודש,**
**עצתו אמונה, און קרית ברסלב בלעטל**




**רופט 102 / 718-387-2691**

**אדער**

**אדער שיקט אן אימעיל צו** subscribe@kerenhadfusa.org

בס"ד


 נייעס פון "קול ברסלב"
212-444-9191
845-351-0910
מאנטאג שמות – מאנטאג וארא תשפ"א
1
טעגליכע קורצע עצות און חיזוק, ווי אויך אנצוקומען שנעל צו די נייסטע שיעורים
2
שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א
3
שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע
4
אנדערע שיעורים
5
היכל נגינה
6
שיעורים בסדרן מיט צו זאגן
7
פאמיליע ווינקל
8
9
צו מנדב זיין פאר די האטליין און ישיבה, פאר אנווייזונגען און אינפארמאציע, זיך צו פארבינדן מיט די מערכת און פאר די לייוו הוקאפ
אפדעיטס און נייעס
0
7
1
2
4
7
1
4
2
1
3
5

* **בשורה טובה פאר מלמדים און מחנכים ארום די וועלט!** בעז"ה האט מען געעפנט א פרישע אפטיילונג פון חינוך פאר מלמדים אויף 4 2 – "מלמדים שטיבל", קורצע און לענגערע שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א אויף חינוך; מלמדים שמועסן זיך אויס, עצות און טיפס, שאלות ותשובות און געדאנקען פאר מלמדים, שיעורים אויף חינוך אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.

* מ'האט בעז"ה צוגעלייגט א פרישע אפטיילונג וואו מ'קען מיטזאגן ליקוטי מוהר"ן אויפ'ן סדר פון עמוד יומי, **צום אנהייב פונעם נייעם מחזור – יום ב' פרשת וארא, כ"ז טבת שנת תשפ"א לפ"ק.**

1

66 - שיעור פון מאנטאג שמות: ס'לוינט נישט צו קוקן

67 - שיעור פון דינסטאג שמות: וואס האב איך מיט שובב"ם?

68 - שיעור פון מיטוואך שמות אין ישיבה קטנה: סימנים

69 - שיעור פון מיטוואך שמות פארנאכטס: מזל טוב, א שידוך

3

69 - א שיעור פאר מחנכים פון דאנערשטאג שמות

70 - חינוך שיעור פון זונטאג וארא

2

די חינוך דרשות, סיי די נייע און סיי די אלטע זענען געווארן אריבערגעפירט צום מלמדים שטיבל קעסטל – 4, 2

2 – 6

שיעור פאר אינגעלייט ליל שישי פרשת שמות: טיפס אויף שלום בית

שיינע שמועסן ביים סוף פון פסחים דף מד, מה און נ

5 – 2

פרישע בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א פארגעליינט

פרישע מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט, בחורים און קינדער

פרישע פערזענליכע מעשיות און חיזוק אויף הפצה

5

נייע שיעור מיט צו זאגן; זע באזונדערע מודעה

נייע אפטיילונג "מלמדים שטיבל"; זע באזונדערע מודעה

פרישע מעשיות דערציילט פאר קינדער

6

26 (פרשת שמות) – א פרישע לאנטש ברעיק שמועס, אן אפהאנדלונג איבער די שיינע חתונה וואס האט גארנישט געקאסט, פארוואס דארף הפצה גיין אזוי אינטערעסאנט, אן אינטערעסאנטע הצלה קאל און נאך.

85 – אן אינטערוויו מיט הרה"ח ר' שמואל קליין הי"ו, ווי אזוי קומט דאס אז אן עלטער זיידע זאל זיך צוריק אריינזעצן אין ישיבה

86 – א שמועס מיט ר' בערל לעווי ווי אזוי יעדער קען עוסק זיין אין חסד של אמת

87 – אינטערוויו מיט ר' יענקי פיש איבער די זיבעציג שפראכן וואס ער האט זיך אויסגעלערנט

88 – א שמועס מיט ר' משה ארי' שניצלער איבער שובב"ם

89 - א שמועס מיט ר' שלום פון קאנאדא איבער הפצה און ביליגע חתונות

אינעם קומענדיגן עמוד האבן מיר געברענגט שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן אויף די פרשת השבוע [*אנגעהויבן פון די וואך און ווייטער וועלן מיר בעז"ה ברענגען די שיעורים פון קומענדיגע וואך*], און אלגעמיינע דרשות.

בס״ד

## שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 17: ב׳ וארא תשע״ו - וואו שטייט עס?
2, 18: ג׳ וארא תשע״ו - קרעכץ עס אויס
2, 19: ד׳ וארא תשע״ו - וואוילע קינדער
2, 20: ה׳ וארא תשע״ו - די טשאלנט האט צוגעברענט
2, 21: ב׳ בא תשע״ו - אלקאהאל
2, 22: ג׳ בא תשע״ו - דביקות
2, 23: ד׳ בא תשע״ו - די ווערים ווערן פוצן

3, 49: א׳ וארא תשע״ז - אז א שידוך איז באשערט
3, 50: ב׳ וארא תשע״ז - דער סוחר מיט׳ן ארעמאן
3, 51: ג׳ וארא תשע״ז - ליידיגגייערס
3, 52: ד׳ וארא תשע״ז - מסביר זיין פאר קינדער
3, 53: ה׳ וארא תשע״ז - א חסידישער בחור
3, 54: ב׳ בא תשע״ז - יא טון אדער נישט טון
3, 55: ג׳ בא תשע״ז - משניות איז נישט פאר דיר
3, 56: ד׳ בא תשע״ז - ציל אין לעבן
3, 57: ה׳ בא תשע״ז - א פלעשל ברוינפן

4, 49: א׳ וארא תשע״ח - סימן טוב ומזל טוב
4, 50: ב׳ וארא תשע״ח - היטן די צייט
4, 51: ד׳ וארא תשע״ח - וואס זאל איך טון?
4, 52: ה׳ וארא תשע״ח - בין אדם לחברו
4, 53: מוצש״ק וארא תשע״ח - בית המדרש היכל הקודש בלומינגראוו
4, 54: ב׳ בא תשע״ח - גייסטישע פראבלעמען
4, 55: ג׳ בא תשע״ח - אמונה טיילענאל
4, 56: ד׳ בא תשע״ח - א פשוט׳ער איד
4, 57: ה׳ בא תשע״ח - אז מ׳קען גיין גראד

5, 55: א' וארא תשע"ט - טלית ותפילין ראטעוועט

5, 56: ב' וארא תשע"ט - פארוואס פארוואס פארוואס

5, 57: ג' וארא תשע"ט - כעס אויסברוך

5, 58: ד' וארא תשע"ט - איינער זעט

5, 59: ה' וארא תשע"ט - דרך ארץ פאר עלטערן

5, 60: מוצאי שבת קודש וארא תשע"ט - הערן א צווייטן איד

5, 61: ג' בא תשע"ט - שטערן זעערס

5, 62: ד' בא תשע"ט - דרך ארץ אין שול

5, 63: ה' בא תשע"ט - מחי' זיין טאטע מאמע

6, 64: ב' וארא תש"פ – געלט אויף יענעמס צרות

6, 65: ג' וארא תש"פ – יענעם גייט נישט בעסער

6, 66: ה' וארא תש"פ: באשעפער א שידוך

6, 67: ג' בא תש"פ: א געשמאק אין לעבן

6, 68: ד' בא תש"פ: סיום הש"ס הבחור בערל שניטצלער

6, 69: ה' בא תש"פ: רזא דשבת

## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

2, 10: ב' בא תשע"ז - טאטע מאטע שווער און שוויגער

3, 13: ב' וארא תשע"ח - שלום בית

3, 14: ב' בא תשע"ח - חכמת החיים

4, 12: ה' וארא תשע"ט - פארגין דיין ווייב

4, 13: ה' בא תשע"ט - א געשמאקע שבת טיש

5, 14: ה' וארא תש"פ - היט שבת

5, 15: ה' בא תש"פ - אפרעדן אדער אויסרעדן

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעבאפטע וועכנטליכע קונטרסים

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט דא צו באקומען אפגעשיקט

**יעדע וואך צו אייער טיר אויף די פאסט**




הערליכע בריון, שאלות ותשובות אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן, געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה **הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז

**$2.99**

פער וואך

goodpointmediainc@gmail.com

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718.387.2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

**פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן געווארן פון די געשמאקע בריון, פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!**